פרשת וישלח · שנת תשע"ו · גליון א'קיא · שנה כב

# לקראת שבת

לענג את השבת בדברי תורה וחסידות

יו"ל ע"י התאחדות אברכים דחסידי סקווירא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**מאמר רביעי**
מסדרת מאמרי "חיים של פרנסה"
לאור שיחת הקודש של
**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

ותתן לנו חיים של פרנסה
חיים שתהא בנו אהבת
תורה ויראת שמים

# ומי יקום במקום קדשו

"בודאי באותן התגרים שמתנהגים את עצמם על פי התורה הנקראת יש כאמור לעיל לקיים 'בכל דרכיך דעהו', בוודאי הם עיקר מקיימי התורה"
(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בשם ספה"ק 'מאור עינים' פר' נצבים)

צוואנציג יאר. טאג און נאכט. ווינטער ווי זומער. האט אונזער פאטער 'יעקב' געארבעט מיט בלוט און שווייס, און זיך אפגעגעבן מיט די שאף פון זיין פעטער און שווער 'לבן הארמי'; סיי אין די ווינטערדיגע נעכט ווען די ביטערע פרעסטן האבן געשניטן אין אלע ביינער, און סיי אין די אומדערטרעגליכע זומערדיגע היצן.

יעקב האט זיך אפגעגעבן לפנים משורת הדין מיט לבן'ס שאף[א], און האט אוועקגענומען די כסדר'דיגע שאדן וואס איז געווען ביז דאן צוליב דער גזירה וואס השי"ת האט גוזר געווען אויף לבן'ס סטאדע, און יעקב האט געראטעוועט זיינע שאף פון דעם פארציקנדן לייב וואס פלעגט קומען יעדע נאכט ביז דאן, און האט דער'הרג'עט פינף שעפעלעך פון זיין סטאדע[ב].

מיט געטריישאפט ביז גאר האט יעקב געארבעט און געפראוועט די פילצאליגע נעכט אין הויז פון זיין שווינדלערישן שווער, ווען אנשטאט ער זאל באקומען אנערקענונג, איז גאר ארויס א קול אין דער גאנצער שטאט, אז ער איז אן אונטערערדישן גנב, וויבאלד מען האט אים שטענדיג געזען וואך אין די שפעטע נאכט-שעות, ווען קיין איין פאסטוך איז נישט אויף[ג].

זייערע חשדות האבן זיך פארשטערקערט, ווען זיי האבן געזען אז עס האט קיינמאל נישט געפעלט קיין איין שעפעלע פון לבן'ס סטאדע. אנשטאט ארויפקוקן אויף יעקב, האבן זיי באלד אנגעצייגט אז געוויס גנב'ט ער שאף פון אנדערע מענטשן און דערמיט פילט ער אן די לעכער פון לבן'ס סטאדע[ד]...

פילפאכיג מער האט ער געליטן פון זיין אייגענעם בעה"ב און שווער לבן, וועלכער האט אים אזוי מיאוס אויסגענארט, אנגעהויבן פון זיין חתונה, און אזוי ווייטער כסדר, יעדע מאל מיט אן אנדערן אויסרייד. אבער דאס אלעס האט נישט געריירט יעקב קיין זיז כל-שהוא פון זיין געוואלדיגע נאמנות און ערליכקייט, מיט וועלכע ער האט זיך ווייטער אפגעגעבן מיט די שעפעלעך בייטאג און ביינאכט[ה], ווען בשעת די שווערע ארבעט זענען זיינע געדאנקען געווען גאר ערגעץ אנדערש, אינגאנצן דבוק אין דעם רבונו של עולם, ווען ער האט געלויבט און געדאנקט מיט'ן גאנצן הארץ, און האט אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים יעדע נאכט[ו].

ווען די דערהויבענע ליכטיגקייט האט אויפגעשיינט אין דאס הייליג הויז פון יעקב אבינו, און זיין טייער און הייליג קינד יוסף הצדיק איז געבוירן געווארן, האט יעקב מער נישט מורא געהאט פון עשו הרשע, דען ער האט אצינד מיט זיך דער הייליגער פלאם פון יוסף, וועלכע וועט אין איין מינוט מאכן אש פון עשו. ער האט פארשטאנען אז עס איז

המשך על עמ' ב' >>>

---

א) מעשה רוקח ויצא, ועי' בארוכה בפתגמין קדישין, ויצא תש"ע. ב) בראשית רבה עד, יא; פי' עץ יוסף שם; חי' הרד"ל שם בשם הילקוט. ג) בראשית רבה עד, יא; ופי' עץ יוסף שם. ד) פי' מתנות כהונה שם. ה) מדרש רבה ופי' עץ יוסף שם. ו) שם; ופי' אשד הנחלים שם.

מתנות היקרות
שרואות אור לראשונה לקראת
חנוכת בית המעיינות
הערליכע און נוצבארע ספרים און חוברות וועלכע ערשיינען צום ערשטן מאל און וועלן געגעבן ווערן פאר די חשובע תומכים
בפלטרין של מלך
תיאור מסע-הקודש ושיחות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בעת המסע ההיסטורי לארה"ק - שנת תשנ"ה

לע"נ ר' אפרים פישל משה ב"ר אברהם אלימלך ע"ה ✦ ולע"נ מרת לאה ב"ר יוסף ע"ה ✦ ולע"נ ר' נפתלי הירצקא טובי' ב"ר שמואל אליהו ע"ה

# פכפכראות
על פרשת השבוע

**וישלח יעקב מלאכים לפניו** (לב, ד).

מען קען זאגן פשט אין דעם ווארט 'לפניו' אז יעקב אבינו האט געוואוסט אז ער וועט זיך דארפן טרעפן מיט עשו הרשע, און בלית ברירה וועט ער זיין געצוואונגען זיך צו ביקן פאר אים. אבער למעשה האט ער זיך נישט געוואלט ביקן פאר א רשע, אזיווי מרדכי האט בשום אופן זיך נישט געביקט פאר המן, דעריבער האט ער געשיקט מלאכים זאלן זיך שטעלן 'לפניו' - אין פארנט פון אים, אזוי ארום האט ער זיך גאר געביקט צו די מלאכים, בשעת עשו האט געמיינט אז ער ביקט זיך פאר אים.

ווען השי"ת האט דאס געזען האט השי"ת אים פילפאכיג מער ארויסגעהאלפן מיט זיין הייליג רצון, און השי"ת אליין איז אריבער אין פארנט פון אים, ווי דער זוה"ק שרייבט אויף דעם פסוק 'והוא עבר לפניהם', אז השי"ת איז אריבער, אזוי ארום האט ער זיך גאר געביקט פאר השי"ת!

**אגרא דכלה**

**עם לבן גרתי** (לב, ד).

רש"י ערקלערט: **"עם לבן גרתי, ותרי"ג מצוות שמרתי"**. קען מען ערקלערן אז יעקב האט געוואלט באטאנען ווי שטארק ער איז געווען נזהר צו היטן גענוי דאס וואס השי"ת האט באפוילן, אנ'ע אראפנעמען אדער צולייגן אפילו א משהו. דאס איז פשט **ותרי"ג מצוות שמרתי**, פונקטליך תרי"ג, און ער האט נישט אראפגענומען, און אזוי אויך נישט צוגעלייגט.

אט דאס האט יצחק אבינו שוין אנגעזאגט (לעיל כז, מ): **והיה כאשר תרי"ד** - אויב וועסטו מוסיף זיין מיט דיין אייגענעם שכל אויף 614 מצוות, דאן **ופרקת עולו מעל צואריך** - ברענגט עס צו נישט גוטע תוצאות ח"ו.

דאס איז אויך פשט וואס מיר זאגן ביי דעם 'יהי רצון' אין סוכות: 'ולחסות מזרם וממטר', מיר בעטן פון השי"ת אז מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין די רמ"ח מצוות עשה, אנ'ע גורע זיין אדער מוסיף זיין אפילו איינס, ווי עס איז מרומז אין דעם ווארט זר"ם וועלכע איז בגימטריא רמ"ז, און מט"ר וועלכע איז בגימטריא רמ"ט.

**פנים מאירים**

**שרית עם אלקים ועם אנשים** (לב, כט).

דער שר של עשו האט מודה געווען צו יעקב אז ער איז א צדיק אמת, זאגנדיג: **שרית** - דו האסט זיך געווייקט [פון דער לשון 'שריה'], **עם אלקים** - מיט השי"ת כביכול, **ועם אנשים** - און מיט די צדיקים [ווי עס שטייט אין רש"י במדבר יג, ג], לערנענדיג אין ביהמ"ד פון שם ועבר.

**כסא דוד**



געקומען די צייט צו פארלאזן לבן'ס הויז, און ער האט זיך געגרייט ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל[ז].

איין טאג ווען לבן איז נישט געווען אינדערהיים, האט יעקב טאקע פארלאזט דעם הויז און זיך ארויסגעלאזט אויף דער רייזע. אינמיטן וועג האט זיך אפגעשפילט די דראמאטישע געשיכטע מיט לבן וועלכער האט אים נאכגעיאגט, אבער יעקב אבינו האט דאך געהאט שמירה עליונה, און לבן האט אים גארנישט געקענט טון, נאר ער האט זיך צוריק אהיימגעקערט אנטוישט, ווען אנקומענדיג אינדערהיים איז ער געווארן שאקירט צו זען ווי זיין הויז איז געליבן ליידיג בעירום ובחוסר כל, צוליב די גנבים וועלכע האבן זיך געהאט אריינגעבראכן ביי אים אינדערהיים[ח]. אצינד האט ער באשיינפערליך געזען אז זיין גאנצע רייכטום און ברכה איז נאר געווען אין דעם זכות פון יעקב אבינו![ט]

יעקב איז ווייטער געגאנגען זיין וועג צום הייליגן לאנד, ווען אונטערוועגנס האט ער בלית-ברירה געמוזט אריבערגיין דעם אומגעגנט פון "ארץ שעיר"[י], וואס האט זיך געפינען צווישן חרן און ארץ כנען[יא]. יעקב האט גוט געוואוסט די שרעקליכע שנאה און האס וואס זיין ברודער עשו הרשע האט אויף אים, און ער האט זיך געזארגט אז אפשר וועט ער האבן א שטיקל שליטה אויף אים, צוליב דעם זכות אבות פון זיינע הייליגע עלטערן און זיידע[יב], האט ער באלד געשיקט שלוחים, אדער גאר מלאכים[יג], ווען אין שפיץ פון זייער אחריות'דיגן שליחות איז געווען די הייליגע ווערטער וואס יעקב האט אויסגעקליבן איבערצוגעבן פאר זיין ברודער, וועלכע וועלן פון איין זייט אויפוועקן די ברודערליכע געפילן פון עשו[יד], זעענדיג ווי יעקב טיילט אים מיט אלע זיינע איבערלעבענישן, אבער פון דער אנדערער זייט, גאר א טיפע באדייט און כוונה...

## עם לבן גרתי ותרי"ג מצוות שמרתי

**עם לבן גרתי** - דערציילט אים יעקב - איך האב געוואוינט צוואנציג יאר ביי לבן אינדערהיים, אבער **ואת תרי"ג מצוות שמרתי**, איך האב געהיטן די תרי"ג מצוות און גארנישט נאכגעלאזט, **ולא למדתי ממעשיו הרעים!** שטעלן זיך די מפרשים און פרעגן: וואס איז געווען די כוונה פון יעקב אבינו, האט ער דען געטראכט אז מיט דעם וועט ער אפקויפן עשו'ן? די ווערטער וועלן דאך זיין ווי א דארן אין זיינע אויגן, און וועלן געוויס פילפאכיג מער פארשטארקערן זיין שנאה?[טו]

ענטפערן די ספרים הקדושים און ערקלערן אז, אדרבה, מיט די ווערטער האט יעקב בכלל נישט געזוכט צו בארואיגן עשו, נאר ער האט אים דא געשיקט זייער א קלארע און דייטליכע זאץ, וואס ער זאל דערהערן, און דאס וועט אים געבן צו פארשטיין איינמאל פאר אלעמאל, אז אויף אים וועט ער אויף קיין פאל נישט האבן קיין שליטה!

מיר ווייסן דאך אלע אז די מלחמה פון יעקב און עשו איז בכלל נישט געווען קיין פרישע, נאר איידער זייער געבורט האבן זיי זיך שוין געשלאגן און געשטויסן: יעקב האט געגלוסט אויף העכער'ס, עולם הבא, רוחניות. ביי אים איז די גאנצע גשמיות בלויז געווען א מיטל אנצוקומען צו זיין עיקר ציל און וואונטש. דאקעגן עשו'ס גאנצע ציל איז געווען פונקט די פארקערטע: גשמיות און ארציות, און צו דעם האט ער געוואלט צוציען יעקב אבינו.

האט אים יעקב געזאגט: מיר וועסטו אויף קיין פאל נישט קענען באזיגן, ווייל **עם לבן גרתי ותרי"ג מצוות שמרתי** - איך האב דערגרייכט צום תכלית, אז דעם עצם יצר הרע האב איך מכניע געווען און איבערגעדרייט אינגאנצן, עד כדי כך אז "מיט אים אליין" האב איך מקיים געווען די תרי"ג מצוות![טז] ווי מיר האבן די וואך געלערנט אין מאור עינים אז דאס איז דער סאמע עיקר פון אונזער עבודה אויף דער וועלט! און דאס איז טאקע נישט געווען בלויז א שליחות פון יעקב צו עשו, נאר דאס איז פרטות'דיגער מוסר-ספר פאר יעדן מענטש אין יעדן דור![יז]

וואס איז טאקע געווען דער טעות פון עשו ביז יעצט, און וואס האט אים יעקב אצינד מחדש געווען? ערקלערן די ספרים הקדושים: עשו האט גוט געוואוסט אז עס איז דא אזא זאך ווי רוחניות, און ער האט נישט געלייקנט אין דעם. נאר ער האט געהאלטן אז היות גשמיות און רוחניות זענען צוויי באזונדערע זאכן, איז ליבערשט אויסצוקלויבן די תענוגי עולם הזה, און מוותר זיין אויף עולם הבא, דעריבער איז ער אזוי צעשטורעמט געווארן ווען יעקב האט זוכה געווען צו די ברכות אין עולם הזה... וויאזוי קען זיין אז יעקב זאל זוכה זיין אויך צו גשמיות?

אבער יעקב האט אלץ געוואוסט אז כאטש דער עיקר איז עולם הבא, איז נישט מעגליך אז די גשמיות זאל זיין א שטער צו עבודת ה', פונקט פארקערט מען דארף און מען קען דינען דעם אייבירשטן

המשך על עמ' הבא >>>

ז) בראשית רבה עג, ז. ח) בראשית רבה עד, טז. ט) מדרש ילמדנו. י) ספורנו. יא) אבן עזרא. יב) אוהחה"ק. יג) בראשית רבה עה, ד. יד) אוהחה"ק. טו) ראה בגור אריה למהר"ל, כלי יקר, שפ"ח בשם מהרש"ל, שמתרצין בפשטות שכוונתו היתה שאע"פ שקיים כל התרי"ג מצוות עכ"ז לא נתקיימה ברכותיו של יצחק ולא נעשה שר וחשוב, ע"כ אינו צריך לשנאותו טז) תולדות יעקב יוסף בפרשתן. יז) "כי הפרשה זה מוסר פרטי לכל אדם הכולל חומר וצורה שנק' יעקב ועשו" (לשון התולדות). יח) ענין זה מובא בהרבה ספה"ק, וגם כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אמר כמה וכמה מאמרים בסגנון זה בלילי שב"ק וישלח בשנים שעעל"ט, ומענין לענין בשם האזולאי שמגיע בחלקינו גם עוה"ז כדין המציל מזוטו של ים ומשלילותו של נהר, אכן ענין זה בדיוק מצינו ב'שם משמואל' (פרשתן, שנת תר"פ) שכ' בזה"ל: "עם לבן גרתי. פירש"י גרתי בגימטריא תרי"ג,

"מיט דער גשמיות", דעריבער איז דאס בכלל נישט קיין סתירה צו דעם וואס ער האט אויסגעקליבן![ח]

אויפ'ן וועג צו לבן האט ער טאקע געבעטן פונעם אייבירשטן בתפלה ובתחנונים אז ער זאל זוכה זיין צו סייעתא דשמיא **"אם יהיה אלקים עמדי"** - אפילו ביי די גשמיות'דיגע זאכן זאל ער זיין דבוק אינעם אייבירשטן, אזוי ווי השי"ת האט אים צוגעזאגט "והנה אנכי עמך" (כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בליל שב"ק ההעל"ט, דיבור ח, בשם דעת משה, והוא בסגנון אחד עמ"ש רבינו בליל שב"ק ויצא בשם רמ"ל סאסובער שהעצה להגיע לעבודה זו היא תפלה לה'!).

וואס איז אבער דער ערשטער און וויכטיגסטער יסוד אויף וואס יעקב האט געלייגט א דגוש ווען ער איז געגאנגען צו לבן, כדי ער זאל זוכה זיין צו קענען דינען דעם אייבירשטן אויך מיט'ן גשמיות, און נישט פאלן חלילה? **ואת תרי"ג מצוות שמרתי** - זיין נזהר אין יעדער איינצלנער מצוה, אין יעדן דבר טוב, אין יעדן גדר וסייג, און נישט חלילה נאכלאזן פון גארנישט, ווי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט שטארק באטאנט ביים שמועס.

## כי במקלי עברתי!

צווישן די חסידים פונעם 'צמח צדיק' פון וויזניץ, האט זיך געצייילט דער נגיד ר' משה לייב ז'ערעווער, א פשוט'ער איד וועלכער האט עוסק געווען אין מסחר, און ער האט ב"ה שטארק

המשך על עמוד ו' >>>

כלומר תרי"ג מצות שמרתי. ויש להבין הלא כקוץ מכאיב הוא הדבר הזה בעיני עשו, שבודאי הי' מואס באחרים העושים, וא"כ היתכן שיחשוב יעקב שבשביל זה ישא לו עשו פנים. ונראה שהרשעים האלה בודאי היו יודעים מענין הרוחניות, והרי עד כמה היו יקרות בעיניו הברכות של יצחק אביו, שלפי השערת הכופרים לגמרי מה יתן ומה יוסיף לו ענין הברכות, אלא ודאי שידע שיש כח רוחני במציאות, אבל זדון לבו השיאו לומר שיש מציאות גשמית מבלעדי הרוחנית. וזוהי מדת כל הרשעים וכו' אבל הרשעים האלו היו מוחלים לישראל הענין הרוחני הזה אלא שיסיעו עצמם מהגשמיות, והגשמיות תישאר להם להתענג בטנופי דהאי עלמא.

"אבל לא כך היתה הכוונה, רק שישראל ינחלו גם הגשמיות ויזכו אותה ע"י מצוותי' של תורה עד שתעלה הגשמיות גם היא במעלותי'. ועניני הגשמיות והרוחניות שניהם כאחד טובים, כפרוזדור וטרקלין וכו', ומעתה יובן מה ששלח לאמור לו תרי"ג מצוות שמרתי בפועל, א"כ גם העולם הגשמי יתקדש על ידי ושוא הן לך מחשבותיך להפריד כנ"ל, ומוטב לך להשלים אתי ודרכי ימצא חן בעיניך".

# בכל לבבכם

עבודה שבלב זו תפילה

פרק ד

## פסוקי דזמרה

- מאמר ד -

דער טעם פארוואס עס ווערט אנגערופן 'פסוקי דזמרה', איז וויבאלד מיט דעם פארשניידט מען די קליפות, דארף מען לכאורה פארשטיין: וועלכער מענטש האט אפילו איין מאל געזען ווי די קליפות ליגן פארשניטן אויף די ערד אין בית המדרש?

נאר דער אמת איז אז די כוונה איז אויף די קליפות וועלכע ליגן אינעם מענטש, אין זיין הארץ און אין זיין מהות. [וואס דאס איז מען זוכה צו פארשניידן ווען מען זאגט פסוקי דזמרה בכוונה] למשל, ווען מען זאגט 'גדול ה' ומהולל מאוד', און מען פאנגט אן צוצולייגן הארץ צום באשעפער און מ'טראכט אריין מיט אמונה וואס מ'האט אליין ארויסגעזאגט פון מויל 'גדול ה' אז 'מלא כל הארץ כבודו', דאן איז דאס גורם אז א מענטש זאל אריינטראכטן ביי זיך: "אויב איז דער באשעפער אזוי גרויס, פארוואס האב איך זיך אזוי אויפגעפירט?"

יעדער מענטש ווייסט דאך וואו ער האלט און זיינע פריוואטע מחשבות אין וועלכע ער איז אלעמאל פארטון. דאס ברענגט א מענטש צו תשובה, און ממילא ווערן פארשניטן פון אים אלע קליפות! אור המאיר, לר"ה

ההרשמה בעיצומה!

## הרה"ק רבי דוב בער - המגיד הג' ממזעריטש זצוק"ל | י"ט כסלו

# "מיר קענען נישט רעדן!"

אין אן אכסני' אין דער שטאט קעניגסבורג, דייטשלאנד, האבן זיך צוזאמענגעצט אן אסיפה פון גרויסע סוחרים, וואס צווישן זיי האבן זיך אויך געפונען סוחרים פונעם שטאט סלוצק, גבירים און תלמידי חכמים. דער שמועס האט זיך פארקירעוועט צו דער נושא פונעם דרך החסידות. איינער האט געזאגט אזוי און איינער האט געזאגט אזוי. די סוחרים פון סלוצק זענען געווען באקאנט אלס גרויסע מתנגדים אויפן דרך החסידות און זיי האבן שטארק בארעדט אלע רבנים און זייערע חסידים ה"י. אזוי רעדנדיג זענען זיי אנגעקומען צו רעדן פון דעם גרויסן מגיד פון מעזריטש, אבער דא האבן זיי זיך אפגעשטעלט און געזאגט אז אויף דעם צדיק טאר מען נישט רעדן ח"ו, אזויווי אונזערע אייגענע אויגן האבן געזען.

דאן האבן זיי דערציילט די פאלגענדע מעשה:

א איד פון דער שטאט סלוצק איז געגאנגען אין וועג פאר געשעפטן ווען ער האט זיך זייער פארבלאנזשעט. א האלבע טאג האט ער זיך אזוי געדרייט פארלוירן און צעמישט נישט וויסנדיג וואו ער איז. דערנאך איז די נאכט צוגעפאלן און ער האט נאכאלץ נישט געפונען דעם וועג ארויס. נאך האלבע נאכט האט ער זיך ענדליך דערזען אין א שטאט, דאס איז געווען די שטאט מעזריטש.

מיד, הונגעריג און אדורכגעפרוירן האט ער געזוכט א הויז וואו ער קען אריינגיין זיך אביסל אנווארעמען און זיך דערכאפן דאס הארץ. ער איז געפארן פון גאס צו גאס אבער אלע הייזער זענען געווען איינגעהילט אין א געדעכטע פינסטערניש. יעדער איז געשלאפן און עס איז נישט געווען ווער עס זאל זיך דערבארעמען איבער אים.

אזוי ארומפארנדיג האט ער פלוצלינג באמערקט איין הויז פון וואו עס האט ארויסגעשפארט א ליכטיגקייט. ער איז גראד צוגעפארן אהין און האט אריינגעקלאפט, האפענדיג אז מען וועט רחמנות האבן אויף אים. וואס ער האט נישט געוואוסט איז אז דאס איז געווען די הויז פון דעם הייליגן מגיד אליין, וועלכער איז דאן געזיצן אין זיין צימער און געלערנט.

מען האט דעם סוחר אריינגענומען און דערווארעמט. ווען דער מגיד האט געהערט אז א גאסט געפונט זיך ביי אים אין שטוב איז ער ארויסגעקומען צו אים און געגעבן שלום און געפרעגט פון וואו ער קומט. האט ער געענטפערט אז ער קומט פון סלוצק.

"דו האסט נישט סתם אזוי אהער געבלאנדזשעט." האט דער צדיק אים געמאלדן. ער האט זיך אנגעטון די ברילן און האט זיך איינגעקוקט אין זיין פנים. אזוי פלעגט זיך דער הייליגער מגיד פירן, צו אנטון זיינע ברילן, ווען ער פלעגט זיך ווילן איינקוקן אין א געוויסע זאך. דער מגיד האט זיך איינגעקוקט אינעם פנים פונעם יונגערמאן און האט אים ווייטער געזאגט: "ווען דו ביסט ארויסגעפארן פונדערהיים איז דיין קינד געווען גאר קראנק."

דער יונגערמאן האט צוגעשאקלט איבערראשט, "יא!"

דער מעזריטשער מגיד האט ווייטער געזאגט: "דו דארפסט זיך נישט זארגן, דיין קינד איז שוין אינגאנצן געזונט." דער צדיק האט אבער נאכנישט געענדיגט. "ווען דו וועסט צוריק אנקומען אהיים בשלום וועסטו דארט אנטרעפן א גרויסע בהלה, ווייל אומצאליגע קליינע קינדער וועלן דעמאלטס נפטר ווערן השם ישמרנו, אבער דיין זון וועט למעשה זיין אינגאנצן געזונט.

"דער רב און די דיינים וועלן פרובירן צו נאכזוכן וועלכע עבירה האט געקענט ברענגען די שרעקליכע צרה אז קינדער ווערן נפטר. זאלסטו טון אזוי ווי כ'זאג דיר אצינד: צומארגנס וועט זיין א ברית מילה ביי א געוויסער עושר און ער וועט אויך מאכן א גרויסע סעודה צו וועלכע דו וועסט אויך זיין געלאדנט. ווען אלע חשוב'ע מענטשן פון שטאט וואס וועלן דארט זיין ביים ברית סעודה וועלן ווייטער רעדן וועגן די ענין פון די קינדער וואס ווערן נפטר, וועלן זייערע אויגן פאלן אויף א געוויסער יונגערמאן און עס וועט באשלאסן ווערן אז ער איז דער זינדיגער וואס ברענגט די שרעקליכע שטראף אויפן שטאט.

"אבער דער אמת איז אז יענער וועט באמת זיין גענצליך ריין פון יעדע שולד און פון עבירות, נאר בראש פון די וואס וועלן שרייען אויף אים וועט זיין איינער, א חשובער פירער פונעם שטאט און א גרויסער גביר, וואס באמת איז ער דער זינדיגער און דער שולדיגער אין דעם טויט פון די אלע קליינע קינדער ה"י, און ווען יעדער וועט אויפשטיין און באפאלן דעם יונגערמאן אז ער זאל זיך מודה זיין אויף זיינע זינד, און אויך יענער גביר וועט אויפהייבן זיין האנט צו שלאגן דעם יונגערמאן, זאלסטו געבן א כאפ זיין האנט און דו זאלסט שרייען אויפן גביר: 'דו רשע! זיי זיך מודה אז דו ביסט דער זינדיגער, און אז וועגן דיר ווערן פיצלעך קינדער נפטר דא אין שטאט!' ער וועט זיך גלייך מודה זיין אויף אלע זיינע זינד, און דאן וועט זיך אויפהערן די שרעקליכע מגיפה און קיין קינדער וועלן מער נישט גיין פון דער וועלט..."

דער צדיק איז שטיל געבליבן א מינוט און האט פארגעזעצט מיט א שטארקייט: "און אויב דו וועסט מיר נישט פאלגן, און דו וועסט נישט טון פונקטליך וואס איך הייס דיר, זאלסטו וויסן אז דו וועסט ליידער חלילה דארפן ליידן דערויף, און דו שפילסט ח"ו מיט דעם לעבן פון דיין קינד..."

דער סלוצקער יונגערמאן האט געהערט וואס דער מעזריטשער מגיד האט אים געזאגט און פארוואונדערט און צעמישט האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג אהיים. אנקומענדיג אהין האט ער געזען ווי אלעס איז אויפן האר מקוים געווארן פונקטליך לויט וויאזוי דער הייליגער מגיד האט אים געזאגט. ער האט אויסגעפאלגט גענוי וויאזוי דער מגיד האט אים אנגעוויזן, און אן פחד האט ער באפאלן דעם גביר, און דאן האט זיך די מגיפה טאקע גענצליך אפגעשטילט.

די גאנצע שטאט האט זיך איבערגעדרייט מיט דער מעשה, און ווי פארשטענדליך איז יעדער געווען געצוואונגען צו מודה זיין אז דער מגיד איז אן איש אלוקים!

די סלוצקער סוחרים האבן געענדיגט די מעשה און האבן באלד אויסגעפירט: "יעצט פארשטייט איר, אז אויף דעם צדיק קענען מיר נישט רעדן. מיר האבן זיך אליין איבערצייגט אין זיין גרויסקייט!"

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן!**

**סיפורים נוראים**

## לשקוד על דלתותי יום יום
(משלי ח, לד)

לוח התורה לשבוע הבעל"ט

| | שבת וישלח ט"ז כסלו | יום א' וישב י"ז כסלו | יום ב' י"ח כסלו | יום ג' י"ט כסלו | יום ד' כ' כסלו | יום ה' כ"א כסלו | עש"ק כ"ב כסלו |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| דף יומי | סוטה לג | סוטה לד | סוטה לה | סוטה לו | סוטה לז | סוטה לח | סוטה לט |
| עמוד יומי | חזרה | ברכות יב. | ברכות יב: | ברכות יג. | ברכות יג: | ברכות יד. | חזרה |
| ישמח לב | יט וזהו (ב) כא בראשית | כא בראשית כב ובעסקו | כב ובעסקו כב תנו | קכד תנו ריד ויהי | קכה ויהי קכז ובחנוכה (בא"ד) | קכז ובחנוכה (בא"ד) קכח ובודאי | כא בראשית כד בראשית |
| שונה הלכות | חזרה | סי' קיט | סי' קכ / קכא / קכב | סי' קכג א-ו | סי' קכג ז-ח / קכד א-ג | סי' קכד ד-ח | חזרה |
| מאו"ע יומי | עמ' נ"ג אך האמת הוא כך עד עמ' נ"ה בזה ובבא אנס"ו וכי"ר | עמ' נ"ה וירא אליו וגו' עד עמ' נ"ו לבא לידי תשובה | עמ' נ"ו וזהו שאמרו בגמרא עד עמ' נ"ח שיזדמן לו לעשותו | עמ' נ"ח כי הנה הבעש"ט עד עמ' ס' במדרגתו והבן בילא"ו | עמ' ס' ויהיו חיי שרה עד עמ' ס"ב כאמור אצלינו כמה פעמים | עמ' ס"ב והנה עיקר הכוונה עד עמ' ס"ג אלופו של עולם | עמ' ס"ג וזהו ויהיו חיי שרה עד עמ' ס"ד מבטלן כאמור והבן |

מצליח געווען, און זיין רייכטום איז געשטיגן פון טאג צו טאג. אבער דאס האט אים בכלל נישט געשטערט צו זיין ערליכקייט און תמימות, ער איז ווייטער געבליבן אן ערליכער אפגעהיטענער איד, און מיט א געוואלדיגע התקשרות און אמונה, פלעגט ער קומען פון צייט צו צייט פארן צו זיין רבי'ן, זיך קלאמערן און זיך אנווארעמען אין די הייליגע שאטן.

עס איז געווען אנהויב ווינטער, און ר' משה לייב האט געדארפט פארן אויף מסחר, צום הויפט-שטאט ווינע. ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צוזאמען מיט נאך עטליכע סוחרים, און זיי האבן געוויילט אין ווינע פאר א וואך. ווען עס איז געקומען שבת-קודש, פלעגן זיך אלע חסיד'ישע סוחרים צוזאמקומען אויף שלש-סעודות, און פארברענגען בשבת אחים גם יחד.

אויך דאן, שבת קודש פרשת וישלח, האבן זיי זיך צוזאמגענומען און האבן געפראוועט שלש-סעודות צוזאמען. א טייל פון די סוחרים, וועלכע זענען געווען גערייבענע חברה, האבן זיך געגליסט צו מאכן אביסל שפאס, האבן זיי מכבד געווען ר' משה לייב צו זאגן 'תורה'. ר' משה לייב האט זיך באלד ענטזאגט, זאגנדיג מיט א תמימות: "בין איך דען ראוי צו זאגן תורה?", ער האט אבער בכלל נישט געכאפט אז זיי ווילן סתם מאכן שפאס. ווען זיי האבן אים נישט אפגעלאזט, נאר צוגעדרוקט צו זאגן תורה, האט ער זיך שוין נישט געקענט ארויסדרייען פון זיי, האט ער זיך אנגערופן א געדאנק וואס איז אים איינגעפאלן אויפ'ן פרשה פון דער וואך:

"עס זענען דא אזעלכע וואס טראכטן צו זיך אז ס'זענען דא מצוות וואס מ'קען אביסל מקיל זיין - האט ר' משה לייב געזאגט - בפרט אין די פרעמד, ווען מ'פארט אויף מסחר אינעם שטאט וויען, מאכט מען זיך פשרות, און מ'טראכט צו זיך, איך טו ווייטער אלע מצוות ווי געהעריג, און איך בין אין אלעס נזהר, אבער עס איז דא די גרינגערע מצוות וואס מען קען אביסל מקיל זיין דערין.

"זאגט אונז דער פסוק (בראשית לב, יא) **'כי במקלי'** - טאמער פאנגט מען אן מקיל צו זיין אין א טייל מצוות, דאן איז דער סוף **'עברתי'** - אז מען איז עובר ח"ו אויף די גאנצע תורה. אין דער תורה איז נישטא קיין פשרות!" - האט ר' משה לייב אויסגעפירט.

די שטימונג ביי די סוחרים האט זיך אינגאנצן געטוישט, זיי זענען געווארן שטארק איבערגענומען פון דעם ווארט, און שפעטער האבן זיי אפילו איבערדערציילט פאר זייערע חבירים.

עטליכע וואכן שפעטער איז די מעשה אנגעקומען צו די אויערן פונעם 'צמח צדיק', און ווען ר' משה לייב איז די קומענדיגע מאל געקומען צו פארן קיין וויזניץ, האט אים דער צמח צדיק געפרעגט: "איך הער דו האסט געזאגט תורה אין ווין?"

ר' משה לייב האט זיך דערשראקן, טראכטנדיג געוויס וויל אים דער רבי מוסר זאגן אויף דעם וואס ער האט געזאגט תורה, טראץ ער איז נישט ראוי דערצו. האט ער זיך באלד אנגעהויבן אנטשולדיגן, זאגנדיג: "די סוחרים האבן מיר געצוואונגען צו זאגן."

דער צמח צדיק האט אים אבער נישט אפגעלאזט נאר ער האט אים געפרעגט: "וואס האסטו געזאגט?" ווען ר' משה לייב האט איבערגעזאגט די תורה. האט דער צמח צדיק ליבליך געשמייכלט צו אים און געזאגט: "האסטו דאך גוט געזאגט!"

**מי יעלה בהר ה'** ארויפגיין און נתעלה ווערן איז נישט אזוי שווער, אבער דער עיקר איז **ומי יקום במקום קדשו** - זיך אלעמאל האלטן און נישט נאכלאזן חלילה פון גארנישט![יט]

יט) אוהב ישראל יתרו; תורי זהב צו, קדושים, אמתחת בנימין קהלת ז, ח בשם ההפלאה, תהלות ישראל תהלים כד, ג בשם הרה"ק ר"א מקארלין, ועוד.

**מדור זה נתנדב ע"י ידידנו הנדיב הנכבד מוה"ר שלמה יודא שאנפעלד הי"ו**
**לרגל שמחת נישואי בתו למז"ט**
זכות הפצת תורה וחסידות יעמוד לו כל השנים, לרוות רוב נחת מבנים ובני בנים, מתוך שובע שמחות ורוב הרחבה, ויתענג על רוב טובה

## ואלה תולדות:

הרה"ק רבי דוב בער זצוקללה"ה, דער גרויסער מגיד פון מעזריטש, איז געבוירן געווארן בערך שנת תס"ד צו זיין פאטער רבי אברהם אין דעם שטעטל 'לוקאטש', ער האט געלערנט תורה פון הרה"ג רבי שלמה בער זצ"ל אבד"ק לוקאטש, דערנאך איז ער אריבער קיין לעמבערג לערנען תורה פון דעם 'פני יהושע', ביי וועם ער איז געווארן פון די גרעסטע תלמידים.

ער איז געווארן אן איידעם ביי הגאון רבי שלום שכנא אבד"ק טורטשין. און שפעטער האט ער זיך מדבק געווען אין דעם הייליגן בעש"ט זי"ע, און איז געווארן דער גרעסטער תלמיד. עס איז באקאנט וואס דער 'דברת שלמה' שרייבט אין זיין הקדמה צום ספר 'לקוטי אמרים' אז ער האט געהערט פון דעם גרויסן מגיד, אז דער בעש"ט האט אים אויסגעלערנט: שיחת עופות, שיחת דקלים, שיחת שדים, שיחת מלאכי השרת, כתב מלאכים, סודות קדושים ויחודים, און אויך דעם ספר 'מעיין החכמה', און אים געזאגט א פירוש אויף יעדעס ווארט! (ווען כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט דאס אמאל דערציילט, האט דער רבי שליט"א באטאנט אז דאס איז נאר געשריבן געווארן 'אגב', וזל"ק: "ס'איז באמת נישט שייך משיג צו זיין [גדלות המגיד]. נישט 'דאס' פלעגט מען זאגן פאר א רבותא... מ'האט זיך געשעמט דאס צו ברענגען פאר א רבותא, נאר 'אגב' ברענגט ער דארט אזעלכע מדריגות אויפ'ן גרויסער מגיד זי"ע. ער שרייבט נאך זאכן אין דער הקדמה דארט!").

דער גרויסער מגיד איז געווען מגיד-מישרים אין טורטשין, קאריץ, דובנא, מעזריטש און ראוונא, און נאך דער הסתלקות פון דעם בעש"ט איז ער געווארן ממלא מקום-קדשו לויט דער אנווייזונג פון דעם בעש"ט. הרה"ק רבי מיכל זלאטשובער זי"ע האט געזאגט "נאכ'ן הסתלקות פונעם בעל שם זי"ע, האט דער אייבערשטער זיך איבערגעצויגן מיט זיין 'קלימיקל' [טאשקע מיט חפצים] פונעם בעל שם צום גרויסן מגיד!" (מפ"ק של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א), עס זענען דא וואס זאגן עס אויך נאך בשם דעם 'תולדות' זי"ע (ראה בזה בספר 'אוצרות הקדשים' מערכת ב, אות יט).

ער איז נסתלק געווארן אום שנת תקל"ג, ומנו"כ איז אין שטאט אניפאלי. דער טוריסקער מגיד ברענגט אז דער טשערנאבילער מגיד זצוק"ל האט אים געזאגט אז ווען ער איז געווען אין אניפאלי אויף די הייליגע ציונים פונעם גרויסן מגיד זי"ע; הרה"ק ר"ר זושא; און הרה"ק רבי יהודה לייב הכהן זי"ע, האט ער געשמעקט א ריח גן עדן! (מג"א לפורים).

## בגו הילולא

*לוח הילולא דצדיקיא לשבוע הבעל"ט ותולדותיהם בקצרה*

**י"ח כסלו** [יום ב וישב] **- הרה"ק ר"ר ברוכ'ל ממעזיבוז זי"ע.** געבוירן אום שנת תקי"ג, צו זיין פאטער רבי יחיאל מטולטשין, און צו זיין מוטער הצדקת אדל - טאכטער פונעם בעל שם זכותו יגן עלינו. ר"ר ברוכ'ל איז געווארן אויפגעהאדעוועט ביי זיין הייליגן זיידן, דער בעל שם, און איז געווען אן איידעם בזיוו"ר ביי רבי טוביה קצקש פון אוסטראה און בזיוו"ש ביי זיין קרוב הרה"ק רבי אהר'לע טיטיובער. נאך דער הסתלקות פונעם גרויסן מגיד אום שנת תקל"ג איז ער געפארן צו הרה"ק רבי מענדלע וויטעבסקער, און ווען ער איז ארויף קיין ארץ ישראל אום שנת תקל"ז, האט ר"ר ברוכ'ל אנגעהויבן פירן אין טולטשין און דערנאך אין מעזיבוז. ער איז נסתלק געווארן אום שנת תקע"ב. ומנו"כ אין מעזיבוז נעבן דעם ציון המצויינת פון דעם בעש"ט הקדוש.

**י"ט כסלו** [יום ג] **- הרה"ק המגיד הגדול ממעזריטש זי"ע.** זע אין מדור "ואלה תולדות".

**י"ט כסלו** [יום ג] **- הרה"ק רבי מנחם נחום מטאלנא זצוק"ל.** געבוירן ט"ז אייר שנת תרכ"ט אלס בן יחיד צו זיין פאטער הרה"ק רבי מרדכי, בנו יחידו פון הרה"ק רבי דוד'ל טאלנער זצוק"ל. זייענדיג אלט בלויז 4 יאר איז ער געווארן א חתן ביי הרה"ק רבי משה מטשיטשעלניק (זון פון הרה"ק רבי שלמה מסאווראן, און איידעם פון הרה"ק רבי יוחנ'טשע מרחמיסטריווקא זצוק"ל), און אום שנת תרל"ז, זייענדיג בלויז זיבן יאר, איז זיין פאטער נסתלק געווארן און ער איז געווארן אויפגעצויגן ביי זיין זיידן רבי דוד'ל. י' אייר שנת תרמ"ב, א וואך פאר זיין בר מצוה איז רבי דוד'ל נסתלק געווארן, און לויט ווי ער האט פאראויס געזאגט איז רבי מנחם נחום געקרוינט געווארן אלס ממלא-מקום, סיי אין טאלנא און סיי מיט דער מגידות פון טאלנא וועלכע איז געווען אויף גאר א גרויסע פארנעם, ווי באקאנט. אום שנת תרס"א האט ער זיך אריבערגעצויגן קיין טולטשין, אום שנת תרע"ו איז ער נסתלק געווארן, זייענדיג אויף א באזוך ביי

המשך על עמ' ו' >>>

# מקומות הקדושים

## קבר רחל | א

**"בלויז צו זיין ביים קבר רחל, איז מיר שוין גענוג סיבה, וואס צוליב דעם וויל איך פארן קיין ארץ ישראל!"** האט הרה"ק רבי פינחס קאריצער זצוק"ל געזאגט אמאל[א], און אן אנדערן מאל האט ער זיך אנגערופן: **"אויב איך וואלט געווען אין ארץ ישראל וואלט איך געטאגט ביים כותל המערבי און בייגאכט וואלט איך געווען ביי קבר רחל, ווייל אונטער דעם מאמעס פארטוך איז גוט צו זיין!"[ב]**

ענליך האט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א זיך אויסגעדרוקט אין א שמועס[ג], דערמאנענדיג דעם "קבר רחל": **"עס איז דאך אן ענין פון דעם "מאמע'ס פארטוך..." דער טשערנאבילער מגיד זצוקללה"ה ברענגט אויף סוכות 'אמא דמסככת על בניה', אז די סוכה איז א מגן ומחסה, ווייל די סכך איז דאך 'אימא עילאה', ממילא איז נישט דא וואס מורא צו האבן..."**

שטייענדיג אין פרשת וישלח, ווען מיר לערנען אין דער תורה הקדושה די פסוקים וואו עס ווערט דערציילט איבער די שטורמישע מינוטן ווען אונזער מאמע רחל האט אויסגעהויכט איר הייליגע נשמה און איז ע"פי הדיבור באערדיגט געווארן אונטערוועגנס, איז געוויס דער פאסיגסטער זמן צו כאפן א נענטערע בליק אויף דער יום הפטירה י"א חשון שנת ב'קצב, און איר הייליגן קבר אין פארלויף פון די יארן פון דעמאלטס ביז היינט, כהכנה דרבה צו דער שעת-הכושר און עת-רצון ביים פוקד זיין איר קבר, אין געציילטע וואכן ארום, בראשות אבינו רועינו ועטרת ראשינו.

### יעקב אבינו אונטערוועגנס

**י"א חשון שנת ב'קצב[ד]**, אויף די וועגן צווישן די שטאט בית א-ל און אפרת, האט זיך אצינד געפינען יעקב אבינו, אין באגלייטונג פון זיין גאנצע הייליגע משפחה, די 11 שבטי י-ה וועלכע זענען שוין געבוירן געווארן, און די הייליגע אמהות, זיי זענען נאך דאן געווען אונטערוועגנס, אויפן וועג פון חרן וואו מען איז געווען לאנגע יארן אין הויז פון לבן, צום געהעריגן געצעלט וואו זיי גייען זיך אצינד באזעצן אינעם הייליגן לאנד.

זייענדיג בערך א 'מיל' אפגעריקט פון דעם שטאט אפרת[ה], האט יעקב זיך אפגעשטעלט, ווען געפילן געמישט פון פרייד און אנגסט האבן אים ארומגענומען. פון איין זייט איז געווען א געוואלדיגע שמחה: רחל אמנו האט אצינד געבוירן דעם יונגסטן פון די הייליגע שבטים, און עס זענען דא וואס זאגן אז עס איז געבוירן געווארן דאן א דרילינג![ו] אבער פון דער אנדערער זייט איז איר געזונט צושטאנד געווארן גאר ערנסט.

### די פטירה

די לאגע האט זיך שרעקליך פארערגערט ביז עס איז געקומען צו א מצב פון יציאת נשמה... אין אט די פיינפולע מאמענטן[ז], האט זי א נאמען געגעבן פאר דעם קינד אויפ'ן אראמישן שפראך "בן אוני" - א קינד וועלכע איז מיר אנגעקומען מיט צער[ח], און קורץ דערנאך האט פאסירט דאס אומגליקליכע: זי האט אויסגעהויכט איר הייליגע און לויטערע נשמה, און איר צוריקגעגעבן צום הייליגן באשעפער אינעם יונגן עלטער פון בלויז 36 יאר[ט], עס זענען דא וואס זאגן אז דאס איז שוין געווען נאך דער טראגישער פטירה, וואס זי האט זיך דאן אויפגעכאפט פאר א מינוט און געגעבן דעם נאמען[י].

**המשך יבוא אי"ה**

**א)** אוצר ישראל חלק א ערכו, אות ב. **ב)** יסוד לקרא, עמ' ריט. שכן סיפר הגאון רבי משה האלבערשטאם זצ"ל. וסיפור נפלא סיפר כ"ק האדמו"ר מרחמיטריווקא-ירושלים שליט"א בשיחה עם כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א (בפלטרין של מלך, שם ????): "כ'האב געהערט פון ר' פינחס בריזל, אז ער האט געהערט פון צוויי אייניקלעך פון הרה"ק רבי פינחס קאריצער זצוק"ל, וואס ביידע האבן נאכגעזאגט די זעלבע לשון, איינס איז דער טעפליקער רב זצ"ל וואס איז געווען אן אייניקל פון הרה"ק רבי פינחס קאריצער זצוק"ל, אין אויך איז דא געווען א איד פון רוסלאנד וואס איז געווען אן אייניקל פון רבי פינחס קאריצער, האבן זיי דערציילט אז רבי פינחס קאריצער האט געזאגט, אז ווען ער וואלט געקענט וואלט ער יעדן טאג געגאנגען צו קבר רחל, ווייל ווען א מאמע וואשט וועש, גייט א קינד אויך נישט אין חדר! אמאל איז געווען וואשן די וועש א גאנצע עבודה, און מען האט געדארפט צוהעלפן... איך פארשטיי נישט קיין הסבר אין דעם, איך זאג נאר נאך זיין לשון!" הגיב כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א: "מסתמא איז עס א לימוד זכות, אז דער טרדות הגלות איז גורם... אז אפילו פון 'אזא טירדא' אז ס'איז דא א טירדא קען א קינד נישט גיין אין חדר..." **ג)** ראה בפלטרין של מלך חלק א. **ד)** ילקוט שמעוני פרשת שמות רמז קסב. ראה גם בפי' רבינו בחיי (שמות), ומקורו ממדרש תדשא. אכן בפסיקתא רבתי כותב (ג, ז): "בין פסח לעצרת, בזמן שהארץ מנופה והולכת ובאה ככברה שיכולים להלוך". **ה)** רש"י פרשת ויחי (מח, ז) בשם רבי משה הדרשן. אכן כאן בפסוק טז כ' רש"י מדות שונות: בשם מנחם בן סרוק - מהלך רב; ומדנפשיה: כמו פרסה. אכן הרמב"ן שמצטט דברי רש"י משיג וכותב: "זה כתבתי תחילה, ועכשיו שזכיתי ובאתי אני לירושלם, שבח לאל הטוב והמטיב, ראיתי בעיני שאין מן קבורת רחל לבית לחם אפילו מיל". ובמשכיל לדוד כתב ע"ז: "אפשר שבזמן הזה דנתקצרה א"י ונתכווצה לכך ליכא אפילו מיל". **ו)** בראשית רבה פב, ח. **ז)** מדרש שמואל פרק יא, וז"ל: "ויהי כצאת נפשה ותקרא שמו, וכי מתה היא מדברת היא? אלא מתה ואינה מתה". **ח)** מדרש רבה בראשית פב, ט. **ט)** סדר עולם רבה, פרק שני; סדר הדורות ב' אלפים קצ"ב. ובספר הישר איתא שמספר ימי חייה היה מ"ה שנים. **י)** בעל הטורים.

## בגו הילולא

*המשך*

זיינע חסידים אין קיוב, און דארט איז מקום מנוחת-קדשו.

**כ' כסלו** [יום ד] **- הגה"ק רבי משולם פייוויש הלוי מקרעמניץ זי"ע.** געבוירן בערך שנת ת"ע, צו זיין פאטער רבי דוב בעריש פון קרעמניץ, זון פון דעם באקאנטן גאון רבי מאיר הלוי פון טיקטין. ער איז געווען פון די בארימטע גדולים און גאונים מפורסמים אין זיין דור. צוערשט איז ער געווען א שטארקער מתנגד אויף דעם גרויסן מגיד, אבער איינמאל ווען ער האט זיך שטארק געמוטשעט אויף א שטיקל ר"ן, און ווי זיין סדר איז אלעמאל געווען ביי אזא פאל, האט ער געפאסט תעניתים און געטון סיגופים, און מתפלל געווען אז השי"ת זאל אים אויפלייכטן זיינע אויגן, און נאכדעם וואס עס איז אים טאקע פארענטפערט געווארן, האט ער געטראכט אז ער וועט פארן צום גרויסן מגיד און אים דאס פרעגן, ווען ער איז אנגעקומען צום גרויסן מגיד און דער גרויסער מגיד האט אים עס באלד גלאטיג פארענטפערט, האט ער זיך באלד מקשר געווען צו אים און איז געווארן שפעטער אויך א מחותן מיטן גרויסן מגיד, זייענדיג דער שווער פון הרה"ק רבי אברהם המלאך (מפ"ק של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א), אויף דער הצעה און בקשה פון דעם גרויסן מגיד. ער האט מחבר געווען דעם ספר 'משנת חכמים'. ער איז נסתלק געווארן בערך שנת תק"נ.

**כ' כסלו** [יום ד] **- הרה"ק רבי משולם פייבוש מזבאריז זי"ע, בעל 'יושר דברי אמת'.** געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי אהרן משה, און איז געווען דער פינפטער דור, בן אחר בן, פון דעם תוספות יו"ט. ער איז געפארן און מקבל געווען תורה פון דעם גרויסן מגיד און פון הרה"ק רבי מנחם מענדל מפרימישלאן, און שפעטער איז ער געווארן א תלמיד מובהק פון דעם זלאטשובער מגיד זי"ע. צווישן זיינע תלמידים האבן זיך געציילט: דער ערבי נחל; אהבת שלום; באר מים חיים; און נאך. ער איז נסתלק געווארן אום שנת תקנ"ה, און מקום מנוחת-קדשו איז אין זבאריז.

**כ"ב כסלו** [יום ו] **- הרה"ק רבי פינחס מאוסטראה זצוק"ל.** געבוירן צו זיין פאטער הרה"ק רבי יעקב יוסף זצוק"ל - דער 'רב ייבי'. ער איז געווען איינמאל ביים בעל שם אלס יונג קינד, צוזאמען מיט זיין פאטער. ער איז געווארן אן איידעם ביי א בעה"ב אין דער שטאט טשערנאביל. און ביי זיין קינד איז דער מאו"ע געקומען צוזאמען מיט דעם טשערנאבילער מגיד, זאגנדיג: "קום לאמיר צוגיין צו די חופה, און זען א חתן וואס האט גילוי אליהו פאר די חופה". ער איז נסתלק געווארן אום שנת תקס"ו.

**ענף עץ אבות:** בנו הרה"ק רבי יעקב יוסף (השני) מאוסטראה זצוק"ל; בנו הרה"ק רבי אליקים געציל מאוסטראה זצוק"ל; חתנו כ"ק מרן מהר"ד זצוקללה"ה; בנו כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה; בנו יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א



# דור דור ודורשיו

## ג | דער הייליגער רוזינער אין טורמע

**אין קורצן פון פריער: נאך איידער דער צאר הצורר ניקאליי ימ"ש איז געווארן קייזער אין רוסלאנד האט דער הייליגער רוזשינער זי"ע פאראַרבעט מיט גרויסע כוחות אז דער רשע זאל נישט באקומען די ממשלה, דורכאויס דעם שבת האט מען געזען ווי דער צדיק פירט א הייליגע קאמף, אבער מן השמים האט מען דוקא יא געוואלט אז דער אכזר זאל ווערן קייזער, נסתרים דרכי השם.**

טראצדעם וואס מן השמים האט מען צוגעפירט אז ניקאליי ימ"ש זאל זיין דער פירער, האט דער הייליגער צדיק פון זיין הויף געפירט א העפטיגע מערכה קעגן ניקאליי און דער רוסישער הערשאפט, כאטש זאל דער רשע נישט קענען טון וואס זיין הארץ גלוסט אים צו אויסרייסן אידישקייט.

דעם פאלגנדן פאסירונג האט פארציילט הרה"ק רבי ישראל 'הינוקא' מסטולין זצ"ל פאר זיינע הייליגע קינדער איבער דעם קריג וואס דער הייליגער רוזשינער האט געפירט קעגן דעם קליפה פון ניקאליי.

אנגעהויבן פון יאר תק"צ, ווען ס'האט אויסגעבראכן א מעכטיגע פוילישע אויפשטאנד פון פויערן קעגן די רוסן, זענען פארגעקומען העפטיגע שלאכטן איבער אלע עקן פון לאנד צווישן די קרעפטן פון ניקאליי און די אויפשטענדלער. וועגן דעם שווערן מצב המלחמה האט די רוסישע רעגירונג באשלאסן אז כדי זיי זאלן צוריק באקומען שטארקייט און דערשטיקן מיט א פעסטקייט די אויפשטענדלער דארפן זיי אויפשטעלן אסאך פעסטונגען און מיליטערישע לאגערן.

אין יאר תקצ"ד איז ארויס א באפעל אז די געגנט פון אלט-שטאט בריסק גייט ווערן א מיליטערישער לאגער, און אלע איינוואוינער פון דעם געגנט דארפן פארלאזן זייערע הייזער, און זיי האבן צוגעזאגט פאר אלע בירגער צו צאלן פארגיטיגונג-געלטער צו קענען זיך באזעצן אין אן אנדערער שטאט. אינצווישן די אלטע קווארטל האט זיך אויך געפונען די אור-אלטע אידישע יישוב פון שטאט בריסק, אזוי אויך דער אלטער גרויסער בית המדרש פון בריסק וואס דער באקאנטער גדול רבי שאול וואהל האט געבויעט. לויט'ן באפעל פונעם צאר איז געווארן אריבערגעפירט א גרויסע סומע געלט פאר די אידן כדי צו קענען אויפבויען א נייע פרעכטיגע שול, און אויפ'ן פלאץ פונעם אלטן בית המדרש איז אויפגעבויעט געווארן א ריזיגע רוסישע פעסטונג.

די אידן זענען ארויס מיט גרויס געלט זיי האבן געצאלט שוחד פאר די שאצערס צו הייבן די פרייז פון זייערע הייזער כאילו די אידישע הייזער זענען פיל מער ווערד, און זיי האבן זיך געבויעט א נייע געגנט ביי ניי-בריסק.

צו דער זעלבער צייט, איז דער הייליגער רוזשינער געגאנגען באזוכן זיין מחותן הרה"ק ה'בית אהרן' מקארלין זי"ע. דער רוזשינער האט באפוילן אז יעדער זאל פארלאזן דעם צימער, בלויז דער מחותן, דער קארלינער און זיינע צוויי זין זענען פארבליבן אין שטוב. דאן האט דער הייליגער רוזשינער געפרעגט פון זיין מחותן: "מחותן, צי קענט איר דעם רב פון בריסק הגאון רבי אריה לייב קצנעלבויגן? צי ווייסט דער מחותן אז די קליפה האט אונז אריינגעלייגט אין זאק אריין? ס'איז נישט בייגעשטאנען פאר דעם רב פון בריסק זיין גרויסע כח התורה אויך נישט זיין געוואלדיגע יחוס, די רוסישע קליפה האט זיך באוועלטיגט אויף בריסק דעם פעסטונג פון תורה. אט דער רשע ניקאליי גייט בויען א פעסטונג פאר זיין מיליטער אין בריסק, און דערפאר גייען זיי צעווארפן דעם גאנצן אלטן אידישן קווארטל כדי צו קענען בויען א פעסטונג פאר די סטרא אחרא רח"ל".

"אט-דער אבי אבות הטומאה, דער צאר הצורר ניקאליי האט באשלאסן צו בויען און פארשטערקערן זיינע כוחות הטומאה פונקט אויף דעם הייליגן שטח פונעם אור-אלטן בית המדרש פון שטאט בריסק, א פלאץ וואו מ'האט פאר הונדערטע יארן מרביץ תורה געווען און פארשפרייט קדושה אויפ'ן וועלט, און אויף דעם זעלבן פלאץ גייט דער רשע אריינברענגען די ניצוצות הקדושה צו דער קליפה רח"ל. און דער רב פון בריסק, אן אייניקל פון מהר"ם מפאדווה און בעל ה'משאת בנימין' און נאך קדושי עליון לאזן דאס צו, און גייען נישט ארויס אין א קאמף קעגן די כוחות הטומאה?..."

"דער מחותן ווייסט דאך" - האט דער צדיק פארגעזעצט צום הייליגן קארלינער - "דעם סוד פון "חסד לאומים חטאת", דער רשע באצאלט טבין ותקילין און די אידן פון בריסק לאזן זיך אריין נארן אין דעם נעץ פון דעם רשע, ווער ווייסט ווי ווייט דאס האלט אויף די גאולה מיט די מתנות וואס די רשע געבט פאר זיי, נאך דערצו וואס מ'נעמט געלט פון אים צו בויען א נייער בית המדרש אויף זיינע קאסטן. ווער קען דען אפשאצן די גרויסע צרות און געפערליכע טראגעדיעס וואס דאס קען חלילה צוברענגען רח"ל?"

בשעת דער רוזשינער האט געקאכט זאגנדיג די אויבנדערמאנטע רייד, איז זיין הייליגע צורה געווען איינגעבויגן פון גרויס צער און ווייטאג מיט א בלאסע געזיכט. דער קארלינער האט נישט געקענט צוזען דעם צער פונעם רוזשינער, און האט פרובירט אים צו בארואיגן זאגנדיג אז קעגן די רוסן שטייט עסטרייך וואס זיי שטעלן אצינד אויף אין גאליציע א גאנצע רייע פון פעסטונגען קעגן די רוסן, וואס זייער הויפט-צענטער איז אין שטאט פשעמישל, וועלכע איז באקאנט אלס א צענטער פון תורה און קדושה. אבער דער רוזשינער האט נישט אנגענומען זיינע טרייסט ווערטער, נאר האט אים געענטפערט:

"דער קייזער פון עסטרייך קען זיך נישט שלאגן קעגן אזא גרויסע כח הטומאה און קליפה ווי רוסלאנד. אמאל זענען טאקע געווען אין גאליציע גרויסע צענטערן קעגן דער קליפה, אין ליזענסק, לאנצוט, רימינוב און פשעווארסק, דערנאך אין זידיטשוב, רופשיץ און סטרעליסק, דארט האט מען זיך געשלאגן וואו ס'באדארף צו זיין מיט דעם קליפה. אבער היינט ווער קען דען אפהאלטן דאס פארשפרייטונג פון די כוחות הטומאה. און דער רשע ניקאליי האט זיך נישט באגנוגנט צו פארגיטיגן די אידן מיט נייע הייזער, נאר האט זיי באצאלט פון זיין געלט צו בויען א שיינע נייע בית המדרש, און אפילו טאמער די שול וועט זיין לשם ולתפארת" - ווידער איז דער צדיק'ס געזיכט געפאלן און ארויסגעלאזט מיט א ביטערע קרעכץ - "אוי ווי, דער אבי אבות הטומאה דער רשע האט אונז ביטער אריינגענארט, דו ווייסט דאך טייערע מחותן! דעם באהאלטענעם סוד פון שעיר לעזאזל צו געבן עפעס פאר דער אנדערער צד, אבער דא השם ירחם, פאסירט דאך דאס פארקערטע, די געפערליכע קליפה און כוחות הטומאה ווארצלען זיך איין דורך בויען דעם שול, ווייל בלויז דורך די ניצוצות הקדושה האט זי בכלל א קיום. הונדערטע יארן איז נישט געווען אזא רשע ווי דער שונא ישראל ניקאליי וועלכע וויל אראפפירן אידן פונעם דרך הישר והטוב, און פארוואס בלייב איך אליין מיט'ן קאמף קעגן אים און אלע צדיקי הדור פארשטעלן זיך און זענען נישט מרעיש עולומות קעגן דעם געפערליכן רשע?"

**פארזעצונג קומט אי"ה**

## הלכות סעודה | א

**ע"י הגאון רבי יוסף ישראל אייזנבערגער שליט"א, דומ"ץ דקהילתנו הק'**

נערך לז"נ אאמו"ר הגאון רבי חיים ב"ר ישראל ז"ל ולע"נ חותני הרה"ח ר' ישעי' יואל ב"ר אברהם צבי ז"ל

**א. נפסק בשו"ע** (סי' קע"ח סעי' ז') **אדם שישן בתוך סעודתו שינת עראי לא הוי הפסק, אבל שינת קבע הוי הפסק. לכן אלו האנשים שאחר סעודות שב"ק קודם ברהמ"ז, וכגון קודם עריכת השלחנות, הולכין לישן, יזהרו שלא לישון שינת קבע רק באופן עראי, והיינו שלא כדרך שינת לילה בהפשטת המלבושים, שאז הוי הפסק, ויתחייב לברך שוב ברכת המוציא.**

**ב. והוא הדין לגבי דיני ברכת התורה, כיון דלדעת כמה פוסקים אם ישן שינת קבע צריך לחזור ולברך ברכת התורה, לכן יש להדר שלא לפשוט מלבושיו בשינת היום כמו בשינת לילה. אבל אם ישן בבגדיו לכו"ע לא הוי הפסק** (עי' שו"ת קרן לדוד סי' י"ג).

**ג. וכן מצוי הרבה בימים טובים בלילי יו"ט שני "מיטל-נאכט" לאלו שמתפללים במאוחר וישנים קודם מעריב, דזה חמור יותר ולכו"ע שינת קבע מפסיק, ולכן אם פושט מלבושיו כמו בלילה הוי הפסק לגבי ברכת התורה.**

**ד. האוכל פחות מכזית פת אין יכול לברך אחריו ברהמ"ז, וכן אם אכל כזית פת רק שמתחילת אכילתו ועד סופו שהה יותר מכדי אכילת פרס, גם כן אין יכול לברך ברהמ"ז. ושיעור כדי אכילת פרס נחלקו הפוסקים בזה, י"א שהוא ב' דקות, וי"א ד' דקות וכו', לכן יזהר לאכול כל הכזית פת בתוך שיעור זה. ויש להדר לאכול כזית זו מיד לאחר ברכת המוציא, וכן מנהג רבוה"ק.**

**ה. וכן יש ליזהר לגבי דיני נט"י, שאם בדעתו לאכול בהסעודה פחות מכביצה בכדי אכילת פרס, אע"פ שנוטל ידיו אבל אין לברך ברכת על נטילת ידים, כיון שנסתפקו הפוסקים בזה וספק ברכות להקל. אמנם בזה יש להקל יותר לגבי זמן אכילת פרס, והיינו שאם יאכל כביצה - שהוא כב' כזיתים - בתוך זמן של ט' דקות, יכול לברך על נטילת ידים.**

**ו. ואם היה בדעתו לאכול כשיעור, ובשעת הסעודה רואה שאי אפשר לו לאכלו, פטור מלאכלו, ולא הוי ברכה לבטלה.**

**ז. נוהגין לעשות קינוח והדחת פיו בין אכילת דגים לבשר, דהיינו שאוכלין חתיכת פת ושותין יין, אבל אין לשתות מים או מי סודה וכדומה מיד אחר הדגים, כיון שיש בזה חשש סכנה** (תוס' מו"ק יא. ועי' רעק"א יו"ד סי' קט"ז)**, וכן נוהגין ליטול ידיהם באמצע.**



## נסיעה לארץ הקודש | ו

### פירות ארץ ישראל

<u>נוסח הברכה</u>

**שאלה: האוכל באר"י פירות מז' המינים, הבאים מחוץ לארץ [המצוי עכשיו במוצאי שביעית, שמצוי הרבה גם יבול חו"ל], האם מברכים עליהם בנוסח 'ועל פירותיה'?**

**תשובה: אין מברכים רק על פירות ז' המינים שגדלו בארץ, ואם הביאו מחו"ל אומרים ועל הפירות.** - [וכן להיפוך כשאוכל בחו"ל פירות שגדלו באר"י, חותם 'ועל פירותיה' (שו"ע סי' ר"ח-י')].

**וכן אף כשמסופק אם גדל באר"י או לא, אומר 'ועל פירותיה'** (עי' א"ר סי' ר"ח סקי"ח ומ"ב שם).

**שאלה: ומהו כשאוכל משבעת המינים שגדלו באר"י וגם אוכל ממה שגדל בחו"ל, באיזה נוסח חותם?**

**תשובה: אם אכל שיעור כזית מפירות שגדלו בארץ, יחתום ועל פירותיה, ואם רק ביחד היה כזית, יחתום ועל הפירות כרגיל** (עי' קצוה"ש סי' ס' סק"ה, וע"ע בספר פסקי תשובות ר"ח-ט"ו).

**נוסח החתימה של פירות אר"י הוא רק לכתחילה, דבדיעבד אם חתם 'ועל הפירות' יצא** (עי' קצוה"ש שם).

<u>אכילת פירותיה</u>

**<u>ויש ענין לאכול מפירות אר"י</u>, שיש בו קדושה גדולה** [וגם אצל רבוה"ק ראינו שהראו חשיבות רב כשהביאו להם מפירות אר"י], **וז"ל הב"ח** (בסי' ר"ח אות ח'): **"קדושת הארץ הנשפע בה מקדושת הארץ העליונה, היא נשפעת גם בפירותיה, וע"כ אנו מכניסין בברכת מעין שלש 'ונאכל מפריה ונשבע מטובה', כי באכילת פירותיה אנו ניזונים מקדושת השכינה ומטהרתה, ונשבע מטובתה".**

**וכעין זה מצינו בספה"ק סידורו של שבת** (ריש דרוש ט') **-** אחר שכ' שהמוחין באים להאדם ע"י ניצוצות המאכלים שאוכל, וצריך לזה עבודה רבה להתגבר עצמו על בחי' הקליפות שבכל מאכל, כדי שהמאכל לא ימשיכנו למטה רק להיפוך וכו' ע"ש, - ובסוף כתב: **"וכ"ז בארץ העמים, לא כן בארץ ישראל, ארץ הקדושה המקודשת מכל הארצות, ורבתה בו חיות הקדושה, וע"כ כאשר יאכל אדם מאכל באר"י '<u>אם ישים בה מעט כוונה לכבוד השם</u>' תיכף ומיד יתלהב לבו, ויחשק מאוד ויתאוה להודות לה' ולברך בשמו ולעבדו בלבב שלם".**



## שאלות ותשובות

**ע"י הרה"ג ר' הערשל ראזנפעלד שליט"א, מו"ץ**

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל

**האם מותר ליתן מתנה לגוי ביום חגיהם,**

**ת לכתחילה לא יתן ביום חגיהם ממש רק קודם או לאחריו, ואם הוא צורך מותר ליתן גם ביום חגיהם אבל לא יאמר לו שהוא בשביל החג, והא דמותר ליתן מתנה הוא רק אם יש לישראל איזה הנאה במה שנותן לגוי או במכירו** דאז אין ע"ז שם מתנה דהוה כמכירה שהגוי ישלם גמולו או שכבר שילם לו הגוי יחזור ליתן, או באופן שיש בו משום דרכי שלום דאל"ה לעולם אסור ליתן מתנה לגוי משום לא תחנם (לא תתן להם מתנת חנם) [(עיין יו"ד סי' קמ"ח ס"ה וסי"ב)]

ודיני לא תחנם מבואר ביו"ד סי' קנ"א סי"א ובחו"מ סי' רמ"ט ס"ב ועיין ש"ך ס"ק י"ח דכל עו"ג במשמע אפי' ישמעאל לאפוקי גר תושב [ועיין שו"ת בא"מ ח"ג סי' קי"ז דבמקום שהונהג ליתן הענקה (טי'פ) לטעקסי דרייווער וכדו' מותר ליתן].

**ש' תשעה אנשים שרוצים להתפלל אחד מהתפילות ומבקשים מאדם אחד שאינו מתפלל עכשיו שיצטרף להם למנין ואותו אדם ממתין על קאר או באס שיסיע אותו למחוז חפצו ואומר להם אני יכול להצטרף אבל כשיבוא הקאר אני צריך לילך עמו מיד ואתם תגמרו התפילה האם מותר לעשות כן או דמ"מ כיון מ"מ עבירה הוא לצאת ולהשאיר ציבור בלא מנין ע"כ יאמר להם שאינו יכול להצטרף עימהם**

**ת' לכתחילה לא יצטרף עמהם, חוץ באופן שאם הוא לא יצרף עמם יתבטל כל המנין,** [כמבואר בסי' נ"ה ס"ב דהדין הוא דאם התחיל לומר קדיש וקדושה בעשרה ויצאו מקצתן ונשארו ששה יכול לגמור אותה הקדיש או השמו"ע מ"מ עבירה היא לצאת ועליהם נאמר 'ועוזבי ה' עיין שו"ת ברכות שמים סי' כ"ד, שו"ת שה"ל ח"ד סי' ז' -ח"י סי' י"ז א', שו"ת קנין תורה ח"ב סי' קי"א שאם היא צורך גדול מותר לו לצאת באופן שאם לא יצטרף הוא יתבטל המנין לגמרי אז מסתבר דכיון שעושה זאת רק מחמת אונס מותר, ויש שמחלקים אם הוא וודאי שיצטרך לילך באמצע או הוא ספק ]. **ועיין מ"ב ס"ק י"ב שנראה דהעבירה לצאת הוא רק אם אינו ממתין עד שיגמרו אותה ענין אבל אם ממתין עד שיגמרו הענין מותר.**

## שהשמחה במעונם

### שמחת לידת הבן למז"ט

**ר' אלחנן קעניג** שי' ב"ר יעקב אהרן שי' (מאנסי) וחתן ר' יעקב לונגער שי'
**ר' חיים דוד גארדאן** שי' ב"ר שמרי' שי' (בארא פארק) וחתן ר' אשר אנשיל לונגער שי'
**ר' יואל צבי פרידמאן** שי' ב"ר יוסף חיים שי' וחתן ר' יוסף טאמבאר שי'
**ר' יעקב יואל לונגער** שי' ב"ר שמואל דוד שי' וחתן ר' דוד משה קויפמאן שי'
**ר' צבי יואל לעפקאוויטש** שי' ב"ר אהרן שי' וחתן ר' יוסף טאמבאר שי'
**ר' שלום אלי' פעלבערבוים** שי' ב"ר אהרן שי' וחתן ר' שמואל גרינפעלד שי'

### שמחת לידת הבת למז"ט

**ר' ברוך אליעזר ברוין** שי' בן הרב שלמה חיים שי' וחתן ר' ראובן וואלאדארסקי שי'
**ר' חיים מנחם מענדיל קויפמאן** שי' ב"ר אהרן שי' וחתן ר' יצחק יוסף אונגער שי'
**ר' צבי אלימלך אוסטערליץ** שי' ב"ר דוד שי' וחתן ר' אשר אנשיל שטיינער שי'

### שמחת לידת התאומות למז"ט

**ר' יוסף מרדכי ראזענבערג** שי' ב"ר בעריש שי' וחתן ר' ישראל משה דירנפעלד שי'

### שמחת אירוסין למז"ט

הכלה בת ר' **מאיר פראמאוויטש** שי' עב"ג הבה"ח **שמואל יעקב** ני"ו ב"ר **יחזקאל בלעקמאן** שי' (קרית טאהש)

### שמחת הנחת תפילין למז"ט

הב' **יצחק** ני"ו ב"ר **אברהם פעלדמאן** שי'

### שמחת נישואין למז"ט

החתן **שמעון חיים** ני"ו ב"ר **אברהם צבי מנחם אונגער** שי' עב"ג בת ר' **אשר אנשיל שטיינער** שי' (א')
החתן **זאב** ני"ו ב"ר **מאיר צבי גרינוואלד** שי' עב"ג בת הרב **אהרן פרידמאן** שי' משב"ק (ב')
החתן **ישעי'** ני"ו ב"ר **יצחק מאיר קליין** שי' עב"ג בת ר' **יעקב יוסף שפוטץ** שי' (ב' - מאנטריאל)
החתן **שמואל זאנוויל** ני"ו ב"ר **יצחק פרידמאן** שי' עב"ג בת ר' **שמואל יוסף גאלדשטיין** שי' (ג')
החתן **יחזקאל שרגא** ני"ו ב"ר **ישראל לונגער** שי' עב"ג בת ר' **לייבוש דאנציגער** שי' (ג' - ע"ט)
החתן **ישראל ברוך** ני"ו ב"ר **ראובן גאלדמינצער** שי' עב"ג בת ר' **יעקב יוסף** ברמ"ש **קארן** שי' (ד')
החתן **אשר אנשיל יודא** ני"ו ב"ר **מאיר צבי ניישטאדט** שי' עב"ג בת ר' **יעקב יוסף מארגרעטען** שי' (ד' - ע"ט)
[הכלה בת ר' **חיים יעקב גראס** שי' עב"ג החתן **יואל** ני"ו ב"ר **ארי' לייב געלדצעהלער** שי' מאנסי (א' - ע"ט)]
[הכלה בת ר' **משה אליעזר דוד טאמבאר** שי' עב"ג החתן **יקותיאל יודא** ני"ו ב"ר **יצחק פרידלענדער** שי' יוניאן סיטי (ב' ע"ט)]

### עטרת זקנים

הרב **יחזקאל שפיטצער** שי' לרגל שמחת לידת הבת אצל חתנו ר' משה מרדכי וועבער שי' (מאנסי)
ר' **יואל אשר פישעל** שי' לרגל שמחת לידת הבן אצל בנו ר' יעקב יוסף שי' (בני ברק)
ר' **יעקב צבי שווארץ** שי' לרגל שמחת לידת הבן אצל בנו ר' פינחס שי' (בית שמש)
ר' **מרדכי לייב זילבערמאן** שי' לרגל שמחת לידת הבת אצל בנו ר' פינחס שי' (בני ברק)


דעם מוצאי שבת 'היטב איטיב עמך'
פאר די וואס האבן חתונה געהאט פון שנת תשס"ב לפ"ק
אין עטרת טשארנא-בשעה 8:40

אורחות חיים
אורה ושמחה בבית יהודי

'אורחות חיים' טוט בע"ה אהערשטעלן א נאכט מיט א היסטאריש קאליפולן פראגראם: באלערענדע-רעדעס, אינהאלטסרייכע-פארשטעלונגען און אינטערעסאנטע-אקטיוויטעטן דורך די צוהערער אויפ'ן פלאץ און אויף אהיים צונעמען.
**א נאכט פול מיט הנאה און נוצן**
**פאר'ן הווה און פאר'ן עתיד הבא**

המכון | 845.354.0259



לקראת שבת
גליון שבועי לתורה וחסידות שע"י התאחדות אברכים דחסידי סקווירא


כל הזכיות שמורות להמערכת, ואסור להדפיס להעתיק או לצלם אפי' חלק ממנו, בלי רשות מפורשת מהרב ר' שלום רייצנשטיין שליט"א - יו"ר.


לנדבות והנצחות / לקבל הגליון בקביעות / למסור הערות והארות, אפשר לפנות אל המערכת:
הכתובת: 701 Wilson Ave. New Square, N.Y. 10977 מס' הטלפון 845.354.0259 או על הפקס. 845.913.7826
להוציא הגליון ע"י פקס מיום שישי בשעה 9:00 בבוקר 1-800-526-5345 להודיע על 'השמחה שבמעונם' נא לצלצל 845-499-7908